Roskies/
LIT 5507

# ספר שבחי
# בעל שם טוב

הספר שבחי בעל שם טוב נדפס באותיות יפים ובנייר לבן ובדיו שחור ובעיון גדול

ספר שבחי הבעש"ט וואש מיר האבין מעתיק גוועזין אוף לשון אשכנז דאש איז אגרושי זאך דער ציילן מגדל מעלות ומדות הרב הקדוש ברצינא קדישא כבוד קדושת שמו מהור"ר **ישראל בעש"ט** ממעזיבוז ניסים נוראות וואש עש איז שון אלאנגי צייט ניט גיהערט גיווארין איטליכר וואש קאן ניט לשון הקודש זאל דעם ספר קופין כדי מען זאל וויסין אז מיר האבן אגאט אלקי ישראל וואש קאן טאן ניסים ונפלאות דורך זייני קנעכט וואש דינן אים באמת:

**לחכמים יבינו מדעתם כי לא כגוים שהיו בימי חכמי הש"ס ז"ל הגוים האלה אשר אנו מתגוררים בארצותם כי המה היו עובדי כוכבים ומזלות ודבקים בכל התועבות לא ידעו את ה' ואת דבר קדשו לא הכירו כל העמים את ה' הם יראים ונותנים כבוד לתורתו עושים משפט וצדקה בארצותם וחסד עם היהודים החוסים תחת וחלילה לנו לדבר או לכתוב שום גנאי עליהם וכ"מ שניכר בספרם גוי או נכרי או אומות העולם וכדומה הכוונה על אותם עכו"ם שהיו בימי המשנה:**

המדפיס ה"ה התורני הנגיד והקצין מהור"ר **יוסף זאב** במהור"ר **אליהו** זצ"ל

נדפס בקארעץ כש"נ מקודם באוסטרהא

ממשלת אדונינו הקיסר האדיר החסיד אווסע פריסוויטליוושי דערזאוונישע ווילקי

האסידאר אימפיראטר

**אלקסנדר פאוולאוויטש**

סאמיע דערזיטש ראסיסקי האסידאר אווסע מילעסטוושיע יר"ה

בשנת והגית בו **יומם ולילה** לפ"ק

**דפוסי שבחי הבעש"ט הנזכרים בספר:**

| | | |
|---|---|---|
| ד"ק | דפוס קפוסט ([illegible]) | |
| דק"א | דפוס קארעץ-אוסטרהא (יידיש) | 1815 |
| כי"ל | כתב-יד לובאוויטש | |
| ד"ב | דפוס ברדיטשוב | |
| ד"נ | דפוס נובידבור (יידיש) | 1816 |
| ד"פ | דפוס פאואר (יידיש) | 1817 |
| דב"י | דפוס ברדיטשוב (יידיש) | |

# מעשה ברבי אדם בעל שם טוב

(סי׳ ג הערה ו)

בנוסח דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק״א) ג ב,ד-ג,ב

עש איז גוועז איין בעש״ט ער האט גהייסן מיט זיין נאמן רבי אדם ער הט גפינין אין איין הייל כתבים פון (סודות התורה) ער אז גוועזן איין גרושר עני און האט גיוואונט אין איין קליין שטיבל ער מיט זיין ווייב זענ גגאנן קריעה ובלויה; אמאל הט אים גזאגט זיין ווייב אייך שעם מיך גיין אין שול אוך גייא קרועה ובלויה; ענפרט רבי אדם זיין ווייב בשעת אז דוא וועשט וועלין גיין אין שול אריין זאלשטו גיין אין קאמיר צום קאשטין וועשטו דיר נעמן וואש פיר איין מלבוש די וועשט דיר אין זין נעמן נאר די זאלשט צוריק לייגן אז דיא וועשט קומן צו גיין פון דר שול האט זיא אזו גטאן כמה שנים ווען זיא האט גוואלט גיין אין שול אודר אוף דעם מארק איז זי גגאנגן אין קאמיר צום קאשטין און האט גנומן וואש פר איין מלבוש זיא האט אינ זין גהאט; און אז זיא איז גקומן פון דר שול אודר פון מארק האט זו צו ריק גילייגט; איטלכן טאג איז זיא גגאנגן אין שול אריין מיט אנדרי מלבושים איז דעם עולם אין גרוש וואונדר גוועז וויא קומט צו אים אזעלכי טייארי קליידר ער איז דאך אגרושר אביון האבן זיא גפרעגט זיין ווייב האט זיא מגלה גוועז גאר די מעשה; לסוף איז אן גקומן דיא זאך צום קיסר האט ער גשיקט חוקר ודורש זיין האט ער גוואר גווארן אז עש איז אמת איז ער זייער חשוב גווארן בייא דעם קיסר; און פון דעשט וועגן איז ער פארט גוועזן איין עני; ווארום ער האט ניט גיוואלט הנאה האבין פון דר וועלט חאטשי דר קיסר האט אים גוואלט מעשיר זיין האט ער ניט גיוואלט; און בייא דעם קיסר איז גיוועזן איין שר אגרושר שונא ישראל האט אום זייער פר דראשין וואש איין יהודי איז חשוב ביי דעם קיסר; האט רבי אדם גזאגט דעם קיסר איך וועל מאכן אוף דיר איין סעודה איז דר שר נאך מיין ברוגז גיווארן; עש האט אים זייער פר דראשין אבר דר קיסר האט גיזאגט ער וועט גיין אוף דער סעודה; און רבי אדם האט אפ גלייגט אוף אין צייט אז עש איז גקומן די צייט וואש ער האט אפ גשטעלט איז דר קיסר גפארין אוף דר סעודה מיט כל שרי המלוכה אין דעם שר שונא ישראל האט ער אוך מיט גנומן ווארום דר קיסר האט גוושט אז דר רבי אדם וועט מאכן גרושי חידושים אין דר שר שונא ישראל האט אלץ דעם קיסר אן גרעט ער זאל זיך אים קערין ער הט גזאגט וועשטו זעהן אז מיר וועלן אלי מבויש ווער וויא קאן דאש זיין אזו איין עני זאל מאכן איין סעודה אוף איין קיסר מיט כל שרי מלוכה; אבר דר קיסר פאלגט אים ניט; בקיצור עש קומנט נאהנט פון דער שטאט דר קיסר שיקט שלוחים אוב עש איז פר האנדן חדרים פון זיינט וועגן און פין זייני ליי טרען אזו ווי אים שטייט אן; און אוב מען רייכטזיך פון זיינט וועגן; די שלוחים קומן צוריק אין זאגן מען הערט ניט מען זעהט ניט קיין שום חדר אונקיין שום סעודה; עש איז מיין ניט דא נאר איין קליין איין גבוזין שטיבל און דר קיסר פארט דאך ער טראבטזיך דא וועט בוודאי זיין איין גרויש וואונדר;



און דיא מעשה פון דר סעודה איז אזוא גיוועזן עש טרעפט זיך אייך אנדרי מדינה איין מלך מאכט איין סעודה אוף דעם אנדרן מלך אין הט גבואט צווי יאר פאלאצין און הט אן גגרייט מאכלים און כלים און קרדענצין זילברני אין גולדני און זייער פול משרתים אין אז עש איז גקומן דיא צייט וואש ר׳ אדם הט אפ גישטעלט מיט דעם קיסר ער זאל קומן אוף דר סעודה איז ארש גרישין גווארן יעני פאלצען מיט דיא מאכלים אין מיט די כלים און קרדענצין אין מיט דיא משרתים הכל אשר לכל איז ארש גרישין ווארן אין איז גקומן אין דר שטאט וויא ר׳ אדם הט גוואנט ווי דר קיסר איז גקומן אין שטאט הט ער דר וועשט איין גרושין פאליץ מיט עטליכי גארנש מיט גליזרני ביילקיס אובין גייט וואשר מיט פיש דר קיסר איז אריין גיפארין מיט אלי שרי מלוכה און מיט אלי קנעכט און מיט דיא פערד דא זענן תיכף גיקומן מענטשינ און האבן צו גינומן דעם קיסר מיט אלי שרי מלוכה מיט גרוש כבוד און עש איז גוועזן פול משרתים און קירדענצין פון גאלד אין זילבר און גיטי מאכלים און ר׳ אדם בעש״ט הט גיזאגט עסט און טרינקט וואש אייער הערץ בגערט נאר קיינר זאל ניט נעמן קיין שום זאך פון דאנין דר נאך הט ר׳ אדם גיזאגט לאז איטלכר אריין טאן זיי האנט אין זיין קעשני וואש ער וועט וועלן וועט ער ארוש נעמן האט פריר דר קיסר אריין גיטאן דיא האנט און הט ארויש גינומן וויא ער הט גיזאגט דר נאך האבן כל שרי מלוכה אוך אזוא גיטאן און האבין ארוש גינומן וואש זיא האבין גיוואלט; דר רשע שונא ישראל האט אוך אריין גטאנ די האנט און זיין קעשיני און האט ארוש גינומן צואה מיט גרוש גישטאנק וואש ניט צו דר ליידין האט מען אם ארוש גיווארפן אבר דיא הענט האבין זייער גישטנקען הט ער גיביטן צו שרי מלוכה זייא זאלין ביטין דעם בעש״ט ר׳ אדם אז ער זאל איין עצה געבן אז זייא זאלין ניט שטינקן הט ער געגפרט אז ער וועט אוף זיך נעמן ער זאל ניט זיין קיין שונא ישראל וועט ער דר פון פטור וערן הט ער אוף זיך גינומן הט ר׳ אדם גידיישין אז איין יהודי זאל משתין זיין אוף דר האנט הט אוף גהירט צו שטינקען אידר גינומן אוועקגיפארן דר נאך איז אן גיקומן אז איין מלך האט גימאכט איין גרושי סעודה אוף דעם אנדרן מלך און האט גיבאוויט איין פאלץ מיט גרושי חידושים צוויא יאר: פלורצלינג איז פר פאלין גייוארין דר פאליץ מיט אלי משרתים און מיט די קרדענצין און מיט גאר דר סעודה וואש מהאט זיך גרעכט אזו איין לאנגי צייט און עטלכי טאג הט זיך אלטץ אום גי קורט נאר צוויא בעבר גייט אפ האט דער קיסר גשריבין צו דעם מלך וואש זייני פלאצין זענן פאר פאלין אז בייא מיר גפינט זיך אזו איין יהודי וואש האט דעם וועגדער גטאן און דר סימן איז די צוויי בעבר וואש זענן פר פאלין גייוארן זענן בייא מיר.

נספח מס' 7

# הכתבים של רבי אדם בעל שם

(סי' ו הערה 7)

דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק"א) יט י,א

און כל הפעולות והמופתים וואש דר בע"ש הט גיטאן איז אלץ גוועזן פון די כתבים וואש זיינן צו אים גיקומן פון הבעלש"ט ר' אדם און די כתבים הט דר בע"ש פר שלאסין אין איין שטיין אין בארג הייני ער הט ער משביע גוועזן דם שטיין הט ער זיך גיעפנט און דר נאך הט ער זיך פר שלאסין און דיא כתבים זענן גיבליבן אונוואניג: והרב המוכיח דק"ק פולנאי אוף דר עלטר הט ער גיזאגט איך הב יכולית צו נעמן זי פון דעם שטיין ווארום איך ווייש ווי זי ליגן נאר וייל דר בע"ש הט זיי פר שלאסין וויל איך זיי ניט רירן: און הט גיזאגט אז די כתבים זענן נתגלה גווארן אוף דר וועלט פונף מאל היינו לאברהם אבינו און צו יהושיע דר זון נון און צו ר' אדם בעש"ט און צו ר' ישראל בעש"ט און דר פופטר ווייס איך ניט.



נספח מס' 8

# הרעדה של בעל שם טוב

(סי' יח הערה 1)

דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק"א) לב טו,ב

דר בעל שם בשעת אז ער פלעגט דאוונין פלעגט ער זייער ציטרין און דר פנים האט ביי אים גפלאקרט ווי איין פלאם פייאר האט דר רב מפולנאי גזאגט דאש איז מחמת די שכינה האט אוף אים בשעת דאוונין איבר דעם ציטרט ער אין דר פנים פלאקרט אים אזו וויא עש שטייט ביי בארג סיני (מפני אשר ירד עליו ה' באש ויחרד כל ההר מאוד) איז טייטש ווי די שכינה האט אראפ גנידרט אוף דעם בארג גציטרט אזו בייא דעם בע"ש מחמת די שכינה האט אוף אים גירועט בשעת דאוונין איז ער גיווארן אוף דעם פנים רויט וויא פייאר און האט גציטרט און די ערד אונטר אים האט זיך אוך גטרייסילט נשמור מהאט ניט דר קאנט: אין אמאל איז גשטאנן אכלי מיט וואשיר אין דר שטיב ווי דר בע"ש הט גידאווינט זיך די וואשר אין דר כלי גשאקלט הין און הער אין אמאל איז גשטאנן אכלי מיט תבואה אינ דר שטיב האט זיך דיא תבואה אוך איין גטריישלט האט מן דער קאנט אז דיא ערד שאקלט זיך נשמור מען נאט ניט גזעהן וויא די ערד שאקלט זיך נאר מחמת די כלים מיט וואשר און מיט תבואה האבן זיך גשאקלט הט מען גווישט אז די ערד שאקלט זיך איך:

אמאל איז הרב המגיד ממעזריטש גוועזן בייא בע"ש אוף י"ט של פסח האט דר בע"ש אליין גדאוינט פארן עמוד מיט אגרוש גשרייא און דר מגיד מחמת ער איז גוועזן אשלאפר מאן האט ער ניט גקאנט סובל זיין דאש גשריי און איז אריין גיגאנגן אין קלין שטיבל וואש איז גוועזן צו גבואט צום בית המדרש איז ער אהין אריין גיגאנגן דאוונן ביחידות עש אזו גקומן פר מוסף אז דר בע"ש אריין גיגאנגן אין שטיבל דעם קיטל אן טאן ווארום ער האט גוואלט טל בענטשן האט דר מגיד דר קאנט אז דיא שכינה רואט אוף אים און ער איז גאר ניט אין דעם אולם בשעת ער האט אן גטאן דעם קיטל הט אים גוואלט אראפ ציהן הט דר מגיד אן גהובין ציטרן הט ער זיך אן גחאפט אין טיש האט זיך דר טיש אוך אן גהובין ציטרן האט דר מגיד קיינ כח ניט גהאט אויש שטיין האט ער גמוזט מתפלל זיין אז דר אייברשטר זאל רחמנות האבן אוף אים אין זאל דש ציטרנש פון אים אפ טאן:

ס יום-טוב

# מעשה בתפילה ביום הכפורים

(סי׳ ח הערה 1)

דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק״א) יט ח,א-ב

אמאל אום יום כפור איז דר בע״ש ניט גיקומן אין בית המדרש ווי זיין סדר פלעגט צו זיין קומן גאנץ פריא אונ מען הט גיווארט אונ מען הט ניט אן גיהובן דאוונן עש איז שוין גאנץ שפעט אוף דעם טאג גוועזן דר נאך איז ער גקומן אין בהמ״ד ארין אונ הט זיך אנידר גיזעצט ביין שטענדר אן האט גילייגט דעם קאפ אוף דעם שטענדר אן ווידר אוף גהובן דעם קאפ אזו האט ער גיטאן פיל מאל עש האט גווערט איין צייט: דר נאך האט ער אווינק גיטאן אז מען זאל זיך שטעלין דאוונן מען הט אפ גידאוונט שחרית: אונ צו מוסף פון יום כפור פלעגט תמיד הרב ר׳ דוד פורקעש מתפלל זיין: הט דר בע״ש אגשריי גיטאן ווער ווער ווער דאוונן מוסף איז דעם עולם הפליאה גוועזן מען הט וואול גווישט אז ר׳ דוד איז אמתפלל תמיד נאר ניט מיין מהאט גיהערט זאגט ווער ווער דאוונן איז אחידוש האבן זי מורא גיהאט אום צו ענפרן עש הט אוך גיווערט איין צייט וואש ער הט אלץ גזאגט ווער ווער דאוונן מוסף ביז מען האט זיך גימוזט אן רופן ר׳ דוד איז דאך אמתפלל: הט דר בע״ש אן גיהובן צו זידלן להרב ר׳ דוד מיט גרוש זודליריייע דוא דוד דו ווערשט דאוונן מוסף אום יו״כ ווי קומשטו דאוונן: עש הט גווערט ערך חצי שעה הט ער אים אלץ מבזה גוועזן וואש מען קאן גאר ניט דר שרייבן דעם עולם הט זייער פר דראשין מען זאל אזו מבזה זיין איין מענש בפרט אזו אתלמיד חכם וצדיק ובפרט אום יו״כ נאר מען הט זייער מורא גיהאט דר פחד פון אים איז זייער גרוש גוועזן הט קיינר ניט גירעט אווארט דר נאך זאגט דר בע״ש אז עש הט קיינר ניט צו דאוונן גייא האטשי דוא ר׳ דוד הט ביי זיך ר׳ דוד זייער צו בראכין דש הארץ ער האט גמיינט אז דר בע״ש האט אוף אים עפיש דרזעהין איין דבר עבירה גדולה אונ האט זיך גשטעלט דאוונן מיט אלב נשבר אונ הט זייער גיוויינט בבכיה רבה אן דר תפלה וואש ניט צו דר שרייבן אונ עש איז גיקימן מרצאי יו״כ איז דר עולם גיקומן צום בע״ש ווי דר סדר איז גוועזן הט דר בע״ש דר ציילט דיא מעשה פר דעם גאנצן עולם די מעשה איז אזו גוועזן דר ר׳ דוד הט זיך מכין גוועזן מיט גרוש הכנה אונ מיט גרושי תעניתים אונ הט גיפאסט משבת לשבת קודם ר״ה ויו״כ אונ אין זין הט ער גיהט אז עש ווט קומן צו תפילת מוסף יו״כ ווערל איך מיך איין שפארן אזוא לאנג אונ איך ווערל מיך מוסר נפש זיין אז משיח זאל קומן הינטגש יאר אונ דש הט דאך קיין שום ילוד איש ניט גיווישט: אבר דר ס״מ הט זיך אבר זייער שטארק גשטארקט אונ הט זיך אוך גיוואלט מוסר נפש זיין אונ הט גשטעלט זיך מיט נאך שומרים אז אים יו״כ אוף אלי ווערגן ווי די תפלות גיין ארוף מען זאל ניט לאזן קיין שום תפלה ארוף אונ מען זאל אוועק חאפין אלי תפלות דרום הב איך ניט גיוואלט גיין דאוונן איך הב גטראכט וואש זאל איך גיין אין בית המדרש דאוונן מען זעל געבן דעם בעל דבר תפלות ביז איך הב גימאכט איין אנדרן ווערג אוף תפלות ביז



איך ערשט גיגאנגן אין בהמ״ד דאוונן אז עש איז צו מוסף גיקומן האב איך מורא גיהאט רבי דוד ווערט זיך ווערלן שטעלן דאוונן מוסף מיט זיין כוונה וואש ער הט זיך מכין גיוועזן ווערט דר שטן בעל דבר זייער שטארק מקטרג זיין אונ ווערלן אן זייני פעולת מיט גרוש כח שלעכט טאן כלל ישראל ח״ו ווארום די צייט איז היינט ניט פון משיח מן דארף טראכטן גאר אנדרש צו דר האלטן כלל ישראל זי זאלן עפיש אחיות האבן בין העמים ווי מען דארף נאך עטלכי צייט אונ עטלכי יאר ווי אזו די שרים ממונים פון דעם יאר זיינן האב איך גימוזט דעם רבי דוד אראפ ווארפן פון זיין מחשבה וואש ער האט זיך מכין גוועזן ער זאל שון גאר משיח אין זין ניט האבן ער זאל מיינן אז איך האב אוף אים עפיש דרזעהן: אבר באמת זאג איך פר אלי אז איך האב דאש גמיינט לטובת כלל ישראל ווארום אדרבה ווייל דר רבי דוד איז איין גרושר מאן וצדיק האט פר אים דר ס״מ זייער מורא גיהאט וואלט ער חלילה עוקר גוועזן חלילה וחס וואש ניט צו דר שרייבן עש זאל גאר ניט קשה זיין וואש איך הוב אים מבזה גוועזן: אונ הרב רבי דוד האט מודה גוועזן אז דאש איז אלץ אמת אזוא וויא דר בעש״ט האט גיזאגט אונ אזו האט ער זיך מכין גיוועזן אונ האט זיך איין גשפארט אין זיין דיעה קודם ר״ה ויו״כ:

irked, bothered

° בית-המדרש

°°° יום-כיפור

# כיצד נתקרב המגיד ממעזריטש אל הבעש"ט

(סי' לז הערה ו)

דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק"א) כג יא,ב-ד - יב,א

דר מעשה ווערט דרציילט אז הרב הגדול המגיד המפורסם איש אלקים איז נתקרב גווארן צום בע"ש: דר מגיד הרב הקדוש מהור"ר דוב בער וואש ער איז גווארן מ"מ[1] אין מעזירטש גדול: דר הרב מוהר"ר דוב בער איז גוועזן אגרושר למדן מופלג בתורה בגמרא ופוסקים ובחכמת הקבלה אונ איז גוועזן אגרושר חסיד וואש ניט צו דר שרייבן ער האט גיפאסט כמה פעמים משבת לשבת אין וואך נאך דר אנדרי אמאל זיבן אודר אכט וואכן איינש דעם אנדרן אז ער הט גיוואונט אין טורטשין איז ער גוועזן אחולה איין אונ ווינגשטי חולשה הט זיך גיטראפן אז הרב החסיד המפורסם מוה' מענדיל מבאר זללה"ה איז גיקומען קיין טורטשין און איז איין גשטאנן ביים פרנס חודש: אונ ביין פרנס חודש אין הונטר שטיבל הט גיוואנט הרב מוה' דוב בער דר רבי מענדיל איז ארוש גיגאנגן פון דר שטוב אין הויז אריין אונ איז גקומן לעבן הינטר שטיבל הט ער גיהערט ווי דר ר' בער לערנט מיט אתלמיד ווי ער הט גיהערט די דיבורים וואש גייט ארוש פון זיין מוייל אונ לערנן זענן אים די דיבורים זייער וואול גיפעלן ווארום ר' מענדל בארער איז אליין אויך גיוועזן אגרוש חידוש אבעל רוח הקודש ער האט פר שטאנן וואש דבורים איז ווי ער האט גיהערט די דבורים איז ער אריין גיגאנגן אין הינטר שטיבל אריין ער זאל זעהן ווער איז דר וואש לערנט איז ר' מענדיל אריין גיגנגן אין שטיבל אונ הט גשמוסט מיט אים האט ער גיזעהן אז ער איז אגרושר חולי זאגט רבי מענדיל צו רבי בער איר זאנט איין חולי הט איר דען ניט גהערט או עש איז פר האנדן איין בע"ש אוף דר וועלט וואש ער טוט פעולות פארט צו אים ווען ער אייך בודאי אוך איין פעולה טאן ענפרט אים רבי בער (טוב לחסות וכו') עש איז טייטש עש איז בעשר בשעצן אין גאט איידר מען זאל אבטחון האבן אוף מענשן אונ הט גיזאגט ער וויל ניט פארן דער רבי מענדיל איז אוועק גיפארן פון דארטן אז רבי מענדיל איז גוועזן ביין בעל שם האט רבי מענדיל גיזאגט צום בע"ש איך האב גיזעהן זייער אשייני כלי אין טורטשין אונ דר ציילט אים: זאגט צום אים דר בע"ש איך זע אים שוין פון עטלכי יאר. אונ האב זייער חשק אז ער זאל קומן צו מיר ער איז זייער אגרושי זאך ער קאן מקבל זיין איך קאן פון אים מאכן מיין פון ווי אלי מייני מענשן: דר נאך איז אויש גיקומן אז הרב רבי בער איז פארט גיפארן צום בע"ש אונטר וועגינש האט ער זיך עטלכי מאל גיוואלט אום קערן ווארום ער איז אגרושר מתמיד גוועזן האט אים באנק גיטאן וואש ער איז מבלבל פון דעם לערנן: בקיצור ער איז פארט גפארן אינטר וועגן ניט זייער ווייט פון מעזביז הט ער בגעגינט איין בעל הבית וואש איז מקורב גוועזן צום בע"ש ושמו הרבני המופלג הנגיד מוהר"ר נטע האם בגעגינט דעם רבי בער אין אקרצמע ער האט אום גזען איין יודיל מיט קאלטעניש[2] ער האט זייער אשלעבט פנים גיהאט: האט דר מגיד רבי בער גיגעבן

1. מגיד מיזריטש
2. קאלטענעס



שלום לרבי נטע אונ האט אים גפרעגט אוב איר קאנט עפיש דעם בע"ש ממעזביז אוב ער איז איין ערלכר יוד זאגט ער יוא פרעגט ער אים ווייסט איר ניט אוב ער איז אן דר היים האט ער גיענטפרט ווען ער פארט אוועק פון דר היים זאמט ער זיך ניט פיל איז רבי נטע אוועק גיפארן פון דר קרעצמע אין דיא וועג פון דעם רבי נטע איז גוועזן אקעגין דאוועג וואש דר בעל-שם דארף פארן קיין מעזביז הט זיך רבי נטע אנידר גישטעלט אונ דר בעל שם האט זיך הויך אנידר גישטעלט איז רבי נטע אראפ גיקראחין פון דעם וועגין אונ איז גיגנגן צום בעל שם צום וואגין שמועסן מיט אים אונ ריידן זאגט ר' נטע צום בעל שם איך האב בגעגינט אין קרעצמע עפעש אידיל פארט צו אייך ווי דר בעל שם האט דאש דר הערט האט ער זיך אויף גיחאפט אויש דר בויד ארויש אונ האט אויף גיהובן די הענט אונ האט גלובט אונ גידיינקט דעם עייברשטן אונ האט גיבעטן אז ער זאל אים איין פעולה טאן אונ זאגט צו רבי נטע דוא ווייסט גאר ניט ווער עש פארט צו מיר אז דר רבי בער איז אן גיקומן צום בע"ש הט דר בע"ש אים גיפרעגט וואש בדארפשטו האט ער אים גיבעטן ער זאל אים היילין גיט דר בע"ש אגשרייא מייני פערד עשין קיין מצות ניט איז ער ארויש גיגיינגן מיט איינגשטין[3] האט ער גיבעטין מענשין פון דעם בעל שמש לייט זייא זאלין פר אים בעטין אז ער זאל אים היילין תאטשי דר בע"ש האט אים זייער גיוואלט היילין האט ער אזו גימאכט וואש ער האט ביי זיך גיווישט דעם טעם דר נאך איז רבי בער עטלכי מאל אריין גיגיינגן צום בעל שם פלעגט דר בע"ש דר ציילן אלץ מעשות וואש גאר נישט איז ער איז גיפארין אונטר וועגינש האט ער ניט גיהאט קיין האביר האט מען מיט איינגשטין בקומין אונ נאך אזעלכי נארשקייט וואש דעבט עש איז גאר נישט דאש אנדרי מאל איז ער אזו גיקומן האט ער דר ציילט זיין שייגעץ האט אונטר וועגינש קיין ברויט ניט גיהאט אונ נאך אזו אגלייכניש דר מגיד רבי בער הט גיזעהן עש איז אפיש[4] גאר קיין ממש ניט דא בפרט עש האט זייער באנק גיטאן וואש ער איז מבטל פון לערנין ווי מיר האבין אויבן גשריבן אז ער איז אגרושר מתמיד גוועו איז ביי אים גיבליבן אין זיין דיעה אז ער זאל אהיים פארין אונ האט אן גיזאגט דעם פורמאן זאל זיך מאכין גרייט אוף פר טאג אז די לבנה ועט אוף גיין וועט ער אוועק פארין אז עש איז גיקומן פר טאג ער האט זיך מכין גוועזן צו פארין איז גקומן איין שליח פון דעם בעל שם אונ האט אים גיזאגט דר בעל שם רופט אייך איז ער גיקומן צו בעל שם האט ער אים גיהיישן זיצין אונ פרעגט אים בישטו עפיש איין למדן זאגט ער יוא זאגט דר בעל שם איך האב איך גיהערט דר נאך פרעגט ער אים קאנשטו עפיש קבלה זאגט ער יוא גייט דר בעל שם אונ וויזט אים אשטיקל עץ חיים זאגט דר מגיד איך וועל מיר פריר איבר זעהן אונ האט זיך איבר גיזעהן אונ האט אים גיזאגט זאגט צו אים דר ב"ש זאגין זאגשטו רעכט נאר עש איז איין גוף אן נשמה שטייא אויף איך וועל דיר זאגין וויא דר בעל שם האט אים אן גיהובין צו זאגין איז ער גאר נבהל ומשתומם גווארין עש איז גאר עפעש אנדרש ער הט אן גיהובין צו זאגין דרויף גרושי סודות התורה זענין מלאכים אראפ גיקומען אונ דר מגיד האט אוך גיזעהן די מלאכים: האט שון דר מגיד אפ גישאפט די פיר אונ איז גבליבן זיין ביין בע"ש: אונ דר בע"ש האט אים גידונגן אבזונדר שטיבל צו זיצן אונ דר בע"ש פלעגט אלי פר טאג צו

3. אנגעסן
4. עפעס

קומן צום מגיד שטילר הייט אונ פלעגט לערנן מיט אים סודות התורה: דר חסיד רבי וואלף קיצעס איז גוועזן דר גרעסטר חשוב ביין בע"ש אונ דר גרעשטר מקורב ער איז גיוואר גיווארן וואש דר בע"ש גייט איינר אליין אוועק אלי פר טאג ער האט ניט גווישט וואש דאש בטייט אונ ער איז גוועזן אגרושר חקרן איז ער ארום גיגאנגן אים זוכין עטלכי פר טאג ביז ער איז גיטראפן אז ער גייט צוך מגיד אונ איז גיגאנגן צום שטיבל וויא דר מגיד זיצט אונ האט אונטר גיהארכט אונטרן פענצטר אונ האט גיהערט דעם בעל שעמס (!) קול אז ער האט גיזאגט דיא ווערטר דאש איז מעשה מרכבה. דעם רבי וואלף קיצעס האט זייער פר דראסן אונ האט צום בע"ש גיזאגט אזו לאנג ווי ער איז ביי אים תמיד זיין רעבטי האנט האט ער זיך קיין מאל ניט קובע גוועזן אז ער זאל מיט מיר לערנן אונ מיט אפרעמדן מענטשן וואש ער איז ערשט גקומן האט ער זיך קובע גוועזן צו לערנן: האט אים בע"ש גיענפרט וואש זאל איך טאן איך האב אבר נאך ניט גיהאט אזו אכלי וואש זאל קענן מקבל זיין אזו ווי דר מגיד איך וואלט גערן מיט אטלכן גילערנט אבר איך וויש זי וועלן ניט קענן מקבל זיין: דר נאך פלעגט רבי וואלף קיצעס אוך אריין גיין צום מגיד ווייל ער האט גזעהן אז ער איז אזו גרוש ווי דר בע"ש האט אים גיזאגט אמאל האט אים דר מגיד גיבעטן אז ער זאל זאגן דעם בע"ש אז ער זאל אים לאנג ניט האלטן מיט די רפואות האט רבי וואלף דאס גיזאגט דעם בעל שם: הט ער גזאגט צו רבי וואלף איי ער האט אים מיט דעם ווארט שפל גימאכט איך האב גיוואלט אים מאכן איין בריה חדשה איין נאייא בריה ער זאל שון תמיד גיזונד זיין היינט קאן איך אים נאר לאטן אבר ער וועט ניט גאנץ גיזונד זיין:

בקיצור דר בעל שם הט גיגעבן רפואות ער איז אמאל זייער שלאף גווארין האט דר בעל שם גישיקט צו איין שר אונ הט גיקופט איין פערל פר דרייסיג רענדליך אונ הט צו קלאפט אונ הט אים איין גיגעבין: אונ דר מגיד הט דר ציילט אז דש רעבטי קבלת התורה וואש דר בעל שם האט אים מוסר גוועזן אז איר האט אים אן גיהובן צו זאגן פון איין ספר וואש איז גילעגן פר אים נאר דר אן הוב הייבט זיך אן רבי ישראל האט גיזאגט מט"ט שר הפנים האט מיר גיזאגט האט ער מיר פריר גהייסן זאגן אז איך האב גיזאגט זאגט ער ניט אזו איך ועל פר דיר זאגן אונ האט אן גיהובין צו צעטרין אונ מיטן זאגן האט ער מיר גהייסן לייגין זיך אין בעט אונ האט גימאכט ארום מיר איין עיגול אונ איך האב אים שון ניט גזעהן נאר איך האב גיהערט אונ האב גזעהן קולות אונ בלעצין אונ פלאקרין פארכטיקי אזו ווי אויף דעם בארג סיני האבן די ישראל מקבל גוועזן די תורה אזו האט דר בע"ש מקבל גוועזן בפרט וואש גיהער צו זיין נשמה אזו האט דר בעש"ט מוסר גוועזן להרב הקדוש המגיד רבי דוב בער ממעזירטש אונ ער האט דר איבר אים גילייגט אין בעט אונ האט איין עיגול ארום אים ווארום ער וואלט ניט גקאנט ארש שטיין. דר נאך פלעגט דר בעל שם זאגן דברי תורה אן איין פירוש אוף כמה מאמרי זוהר וואש זייני לייט האבן אים גיפרעגט אז זיא זענן גקומן להרב המגיד האט ער אוך אזוא גיזאגט ווי דר בע"ש אונ האט גיזאגט דס האב איך אלץ מקבל גוועזן פון דעם בע"ש. אונ אז עש איז גקומן צום אוועק פארן האט דר בע"ש גיבענשט דעם מגיד דר נאך זאגט דר בע"ש צום מגיד אז ער זאל אים אוך בענשן האט דר מגיד ניט גוואלט



האט דר בע"ש גינומן דעם מגידש הענט אונ האט ארויף גילייגט אוף זיין קאפ האט ער אים גימוזט בענשן:

# פרשת מחלתו ופטירתו של הבעש"ט

(סי' ריא הערה 1)

דפוס קארעץ-אוסטרהא (דק"א) כה,ב-כו,א

צו דר ציילין פון פטירת מורינו ורבינו הרב הקדוש נזר ישראל וקדושו הרב מוהר"ר רבי ישראל בעל שם טוב איז פיל צו שרייבין: מיר וועלין שרייבין בקיצור נמרץ: קודם כל דבר ער איז ניט גילעגן צו בעט נאר ער האט דעם כח ביסליך ווייס אן גיווארין אונ האט זיך גירעבט אז ער וועט נפטר ווערן דעם ערשטן טאג שבועות דש האט גיווערט עטלכי וואחין פר שבועות: אונ ער פלעגט זיצין גאר בזונדר אין זיין שטיבל ער האט קיינם ניט אריין גילאזט נאר א גלעקיל איז בייא אים גיוועזין פלעגט ער אקלונג צו טאן אז דר משרת זאל צו אים אריין גיין אז ער האט גדארפט. ווייטר איז ער גיזיעסין אליין אונ זייני לייט האבין זייער גישריגן אונ מתפלל גוען תמיד בפרט הרב רבי גרשון הארדיינקער האט זייער גיארבעט מיט תפלות אונ מקוואות: האט דר בעל שם גיזאגט וואש רעשין זי אום זונשט איך האב אמאל גיקאנט מתפלל זין אבר היינט איז ניט די צייט אונ מיין משפט וועט ניט קומן פר קיין שום ב"ד ומלאך נאר פר השי"ת שמו אונ עש איז אן גיקומן אגרושר דאקטור קיין מעזבח האט דר עולם גיוואלט אז מען זאל ניצין דעם דאקטור צו אים נאר מען האט מורא גיהאט אים דש זאגין: איז דארטין גוועזן דר אוסטרר רב רבי דוד האט מען אים גיהייסין ער זאל אים זאגין ווארום ער איז זייער חשוב גוועזן ביי אים: ווי רבי דוד האט דש גיזאגט זאגט ער צו אים דוד די בישט זיך אוך טועה בדבר די האלשט מיך פר אמענטש גלייך ווי אנדרי: ווי קומט צו מיר איין דאקטור: אז עש איז גיקומן יום טוב שבועות האט ער גיהייסין מען זאל בייא אים אוף זיין ווי עש איז נאר ליכטיג גיווארין האט ער גיהייסין דאוונין אונ נאך דעם דאוונין האט ער גיהייסין מען זאל עסין די מעלחעקי סעודה אונ האט גיהייסין שיקן נאך מעד וויא תמיד נאר ער האט ניט גיהייסין שהיות מאכין: דער קאמיסר איז גיקומן צו אים האט ער גיהייסין זיך וואש פנים צו דעקין אונ האט מיט אים גירעט ער האט גיזאגט דעם אולם אז ווען ער וועט נפטר ווארן וועלין זיך אלי זייגערש שטעלין אונ וועלין ניט גיין איז אזו גוועזן ווייטר וואש עש הט זיך גיטאן קאן מען דא ניט שרייבין עש איז זייער פיל צו שרייבין עש איז גיקומן חצות היום יצאה נשמתו בקדושה ובטהרה זכותו יגן עלינו ועל ישראל אמן.